# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Dray Shvester / Three Sisters

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/0bq4p691

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

**Author**
Lilly Berger, Lili Berger /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לילי בערגער / פאַריז

# דריי שוועסטער *)

(דערציילונג)

**מיין שוועסטער מנוחה, דער 24־יאָריקער מאָלערין, אומגעבראַכט דורך די נאַציס — געהייליקט.**

I

זי האָט נישט באַמערקט ווי ס'איז פינצ־טער געוואָרן. די קילקייט האָט זי אויפ־געמונטערט און אַראָפּגעטריבן פון דער באַקוועמער ליג־שטול. דער איבערגאַנג פון טאָג צו אָונט איז דאָ אַ האַסטיקער, אָן אַ בין־השמשות. נאָר וואָס איז דער הימל געווען לויטער בלוי, פאַרצויגן מיט ווייסע קעסטעלעך. די זון — אַ צפלאַמ־טע, שפּריצנדיק מיט גאָלדענע פונקען, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום האָריזאָנט און אין איילעניש זיך פאַרנורעט אין די ים־כוואַליעס. זי פאַרשווינדט מיט איין מאָל, די זון. דער אָונט שטויסט מיט אימפּעט אַרויס דעם טאָג. די אָונטיקע פינצטער־ניש וויקלט איין די כרמל־בערג. ביי זייערע פיס ליגט איצט אין פאַרגליווערטן טונקל־בלוי דער ים. חיפה האָט זיך אַקערשט אויסגעצירט אין נאַכטיקע ליכט־צירונגען.

נינע שטייט אויף דער גרויסער, אָפע־נער וועראַנדע און קוקט גיריק אַרום זיך. דאָ קוקט זי אויפן ים, דאָ אויף דער אויס־געצירטער אין נאַכט־ליכטער שטאָט. דער פּערטער שטאָק הייבט זיך דאָ אויף הע־כער פון די כרמל־בערג. זי שטייט דאָ אָפּ צייטנווייז שעהען־לאַנג. חיפה כישופט אויס ביינאַכט אַזאַ רייצנדיקע שיינקייט, ס'שמידט צו דאָס אויג. אַ שלל מיט פּיי־ערלעך פון אַלע קאָלירן און ניואַנסן גלאַנצן און שעמערירן, טייל מאָל זעט עס נינען אויס ווי אַ גיגאַנטישע בראש אויס־געשטיקט מיט פאַרביקע אידלשטיינער. און די סאַפּירן־שמאַראַגדן פּייערלעך וויב־קען, שמייכלען, טרילן שטיל־שטילע ניגו־נים, די ברייטע גאַמע פון ליכט־קאָלירן פאַרשפּינט זיך מיט אַ סימפאָניע פון ליכט־קלאַנגען.

„קאָליר איז ליבשאַפט", האָט איר נישט איין מאָל געזאָגט לאהלע, די שוועסטער, די מאָלערין. „געזאַנג איז אויך ליב־שאַפט", האָט זי פאַרזיכערט, בעת זי האָט פאַכענדיק זיך מיטן פענדזל אָדער בליי־פעדער אויסגעטרילט ניגונים. און ליב־שאַפט דערוואַרעמט דאָס האַרץ, פאַר־טרייבט אומעט. פאַרוואָס־זשע איז איר איצט אַזוי שווער אויפן האַרץ? פאַרוואָס איז איר באַפאַלן אַזאַ אומעט און עלנט־קייט? איז זי דען נישט אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט, מיט איבערגעגעבנקייט? צי דערפאַר וואָס עס זעט איר אויס אַזוי ווייט פון די לענדער, וווּ זי האָט געלאָזן טיילן פון זיך גופא, ווי אָפּגעריסענע גלי־דער פון איר לייב? אפשר אויך דערפאַר וואָס זי קאָן מיט זיך אַליין נישט דורכ־קומען? ביידע שוועסטער טענהן כסדר אין איר אַריין, חנא, דער שוואָגער, שטייט נישט אָפּ, באַוויזט שוואַרץ אויף ווייס, אַז... אַז...

די שוועסטער האָבן שוין געדאַרפט דאָ זיין. פנינהן האָט מסתמא ווידער עפּעס פאַרהאַלטן אין קיבוץ. הלוואי זאָל זי נישט קומען. זי איז היינט נישט בכוח; זינקע און מיכאל פאַרלאָזן זי היינט נישט. דעם גאַנצן טאָג שוועבן זיי איר פאַר די אויגן. אפשר וועט פנינה היינט נישט קומען. אָבער מרים קאָן באַשטיין איר שטעטל אַליין. ביי איר, מרימען, איז שוין אָפּגעמאַכט. „מ'דאַרף, זאָגט זי, צייטנווייז עמעצן אַ שטויס טאָן." שוין בעסער זיי זאָלן זיין אַלע דריי, אַזוי ווי זי, נינע גופא האָט פאַרגעלייגט.

אַמאָל זיינען זיי געווען פיר. די פערטע שוועסטער איז אויך צו קיינער פון זיי ניט ענלעך געווען, ווי נישט פון איין טאַטע־מאַמע. זייערע ביאָגראַפיעס זענען

---

*) די דערציילונג איז פון לילי בערגערס ניי בוך: „פון ווייט און פון נאָענט", וואָס דערשיינט גאָר אין גיכן.

אויך נישט קיין ענלעכע, כאָטש זיי האָבן זיך געהאָדעוועט אין דער זעלבער וואַרע־מער היים, געוווינט פון קינדווייז אָן אין איין גערוימען צימער.

פנינה, די עלטסטע, אַ פעסט־געבויטע, מיט געדיכטע, טונקעלע קאַשטאַן־האָר און אַ פול וואַרעם פנים, איז געווען אַ חלוצה; די שלאַנקע, צאַרטע מרים, מיט די פלאַקס־בלאָנדע לאָקן — אַ בונדיסט־קע; די דראַבנע, קוועקזילבערדיקע נינע איז צו 15 יאָר געוואָרן אַ קאָמיוגיסטקע; די פאַרחלומטע לאהלע מיט די סאַמעט שוואַרצע אויגן און כוואַליעס טונקעלע האָר, וואָס האָבן איינגעראַמט דאָס פנים, האָט פון יינגסטן עלטער יעדעס שטיקל פּאַפּיר, אַלץ, וואָס איז איר אונטערגע־קומען אונטערן האַנט, „פאַרפּאַטשקעט" מיט אַ בלייפעדער, אָדער מיט אַ שול־פּאַרב — אַ מאָלערין. איר גאָט איז גע־ווען די מאָלעריי. פון איר מאָלעריי, ווי פון איר גופא, איז קיין זכר נישט פאַר־בליבן.

די שוועסטערס פלעגן זיך אַמפּערן, אײַנע די אַנדערע האָט געוואָלט אַריבער־ציען אויף איר צד. ווען דער טאַטע, דער וואַלד־סוחר איז אין שטוב נישט געווען, האָט זיך דער דאָך געהויבן פון די אַמ־פּערנישן. לאהלע האָט דעמאָלט צוגע־טראָגן איר חלק מיט אַן אויסגעזונגענעם ניגון. פירנדיק מיטן בלייפעדער אָדער מיטן פּענדזל איבערן בלאַק־פּאַפּיר, האָט זי אין אַזעלכע פאַלן אונטערגעזונגען שטאַרקער ווי געווײנלעך.

די היציקסטע איז געווען נינע. זי האָט געאַרבעט מעשים צו דערוויזן, אַז מען דאַרף ראשית כל מאַכן אַ סוף צו אומגע־רעכטיקייט, אײַנפירן יושר. קיין געדולד צו וואַרטן האָט זי נישט געהאַט. אַ גוט האַרץ האָט זי יאָ געהאַט און אָנגעהויבן אײַנפירן יושר אַרום זיך. פאַר דער קליי־נער באַשקע דער וועשערינס און אירע צוויי שטענדיק הונגעריקע ברידערלעך האָט זי אַרויסגעטראָגן פון שטוב וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, צומאָל גאַנצע לעב־לעך ברויט. די שוועסטער האָבן זי פאַר דער מאַמען נישט אַרויסגעגעבן, בייערט אין דער שטיל איר געגעבן צו וויסן, אַז זי טראָגט אַרויס נישט אירס. זי פון איר זייט האָט גלייך אויף דער הייסער מינוט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט רעכט זיי זאָלן האָבן צו עסן צו דער זעט און דער וועשערינס קינדער זאָלן נישט דערעסן. ביי די אָוונטדיקע דיספּוטן אין זייער פאַרמאַכט צימער, האָט זי, די שוועסטער, אויסגערעכנט אַלע עוולות קעגן דער קליינוואַרג פון באָד־געסל, וואָס זי, נינע, האָט צונויפגעקליבן און געלערנט זיי צו האַלטן אַ פען אין האַנט.

— פון אייערע אַלע שיינע טעאָריעס וועט קיין ברויט און קיין שול פאַר די אָרעמע קינדער נישט זיין!

צומיינסטן האָט זי דערמיט אָנגע־טראָטן מרימען אויף די הינעראויגן. מרים איז איר נישט געבליבן שולדיק. אויך פנינה „די שוויגערקע" האָט דעמאָלט באַקומען לשון, פאַר איין וועגס האָט זי אַריינגעזאָגט עטלעכע ווערטער מרימען.

די אַמפּערנישן האָבן אויפגעהערט ווען די שוועסטערס האָבן זיך צעשיידט. די ערשטע איז פון דער היים אַוועק פנינה. צען יאָר פאַר דער מלחמה, אָן וויסן פון די עלטערן געלאָזט זיך אין אויסגעטרוימטן, ווייטן לאַנד מיט אירע צוואַנציק יאָר און ליידיקע הענט. מרים האָט קעגן ווילן פון די עלטערן געוואַרט ביז איר באַשער־טער וועט ענדיקן מעדיצין און ערשט דע־מאָלט חתונה געהאַט. די יינגסטע איז אַוועק אין דער הויפּטשטאָט אין אַ קונסט־אַקאַדעמיע. נינע איז אין גיכן אַרויס פון גימנאַזיע מיט אַן אויסצייכענונג און באַלד דערנאָך אַריין אין תפיסה. דערנאָך האָט די מלחמה זי פאַרטראָגן ווייט.

נינע איז צוריקגעקומען מיטן פּוילישן מיליטער, אין אַן אָפיצירן־מונדיר. אין באַפרייטן לאַנד קיינעמען פון דער משפחה נישט געפונען. ווי אַזוי האָט זי זיך אויס־געמיטן מיט מרימען? נינע האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, מסתמא שלעכט זי געזוכט, זי איז דאָך אַוועקגעפאָרן קורץ נאָך איר אָנקומען. אויף דער שוועסטער אויך פאַרדרוס געהאַט. וואָס איז געווען דאָס איילעניש?

מרים איז געקומען פון לאַגער, אַוועק מיט האַרץ־קלאַפּעניש צום טאַטנס וואַלד־וועכטער, מיט טרערן אין די אויגן אָפּגע־נומען איר פיר־יאָריקן זון און ווי גיך מ'האָט געקאָנט, געלאָזט זיך אין וועג צו דער עלטערער שוועסטער. אַזוי האָט זי

זיך צוגעשווירן אין אוישוויץ, אויב זי וועט לעבן בלייבן, אויב זי וועט אָפּגעפינען איר קינד, וועט זי מער אויף דער ערד נישט טרעטן. פּנינה, פון איר זייט, האָט איינגעלייגט וועלטן אַראָפּצוברענגען די, וואָס זענען לעבן געבליבן.

* * * * *

אין לוד האָט געוואַרט בלויז מרים. זי האָט נינען דערקענט, נינע זי — נישט. זי איז קלענער געוואָרן מרים. אירע האָר האָבן פאַרלוירן דעם גינגאָלד, די געדיכטע לאָקן האָבן באַקומען אַנדערע ליניעס, אויפן פּנים אַן אַנדער שמייכל, נישט דער אַמאָליקער, אָפענער, איצט איז ער אַן אויפגעצוווּנגענער דער שמייכל אירער; די אַמאָליקע דעליקאַטע אַפריקאָזן־הויט איז דורכזיכטיק, אונטער די אויגן, ביים מויל, קנייטשט זיך שוין.

זי האָט נינען געבראַכט צו זיך אין שטוב, אויפן כּרמל. די שוועסטערס האָבן ווידער געקוקט אויף זיך און די ליפּן זייערע האָבן געציטערט. זיי האָבן אויפן וועג זיך שוין געהאַט אויסגעפרעגט, זייערע רייד זענען געווען צעהאַקט, צעריסן. נינע האָט אויסגעמיטן צו פרעגן ווי אַזוי און ווו ס'איז אומגעקומען דער שוואָגער, דער יונגער דאָקטער. וועגן זון האָט זי געוווסט, זיי האָבן אָבער ביידע אויסגעמיטן צו רעדן וועגן אים. זייערע אויגן האָבן מער דערציילט ווי די מיילער.

נינע האָט אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אין דער וווינונג. ס'האָט זיך איר געוואָרפן אין די אויגן דאָס גרויסע פאָטאָגראַפישע בילד אויבנאָן אויפן וואַנט. אַ שמייכלענדיקער בחור מיט פייערדיקע אויגן, מיט צעפּאַטלטע געדיכטע האָר אויפן קאָפּ. צום בילד האָבן זיך געצויגן פון אַלע זייטן לאַנג־בלעטערדיקע, זאַפטיק־גרינע פלאַנצן, וואָס זענען געקראָכן איבער דער גאַנצער וואַנט. מינעס בליקן האָבן זיך אָנגעהאנגען אויפן בחור. זי האָט זיי אָפּגעריסן און זיי האָבן זיך ווידער דיסקרעט געוואָנדן צו דער באַפלאַנצטער וואַנט. מרים האָט קעגן איר ווילן געפרעגט:

— דערקענסט אים זיכער נישט ?...

ניין, זי האָט נישט דערקענט, אָבער אַזאַ פּנים איז איר פּאָרט באַקאַנט געווען. זאָל דאָס זיין דער טאַטע, צי דער זון? מרים, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטויסן, האָט איר אַרויסגעהאָלפן:

— ער איז שטענדיק אין גאַנצן ענלעך געווען צו זיין טאַטן.

נינע האָט שטומערהייט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זי האָט געקוקט אויפן בילד און אין דמיון איז אויפגעשווומען דער יונגער שוואָגער. מיט וואָסער מיתה משונה איז ער אומגעקומען? זי האָט געהערט, אַז ער האָט אָנגעפירט מיט אַ קאַמפס־גרופּע, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, מ'זאָל אים האָבן אויפגעהאָנגען, שוין אַ פאַרפייניקטן. זי וועט אָבער נישט פרעגן.

מרים האָט ווידער אויפגעכאַפּט נינעס געוואָנדענע בליקן צו דער וואַנט און ווערטער האָבן זיך אַרויסגעקייקלט פון האַלדז ווי שטיינער, אָפּגעטעמפּטע קלאַנגען, ווי זי וואָלט געוואָלט זיי זאָלן נישט דערגיין צו דער שוועסטערס אויערן:

— אַרויסגעריסן אים פון יענע מערדערס און אַ קויל האָט אים דאָ געטראָפן. איך האָב אומעטום... מיר האָבן... מיר מוזן אומעטום צאָלן... מיט יונגע לעבנס פאַר...

זי האָט אָפּגעהאַקט. גענומען מיט גיכע באַוועגונגען גרייטן צום טיש. נינע האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן, צוגעגאַנגען צו אַ קליינער קאָמאָד, גענומען אין האַנט אַ שיינעם אַלבום.

— לאָז דאָס איצט. אַלץ ער. ער איז דאָ אומעטום, שטענדיק מיט מיר צוזאַמען.

— האָסט מיר געהאַט געשריבן, אַז פּנינה שטעלט אין שטוב מצבות, דענקמעלער...

— כ'האָב זיך דעמאָלט נישט גערעכט, אַז אויך איך. מיר האָבן פּנינהן נישט געקענט, זי איז שטאַרקער פון מיר; אירער איז אַוועק פאַרטיידיקן דאָס לאַנד צו 17 יאָר, ווען זיין פאָטער איז שוין געווען מאָביליזירט. חנא איז אָפּגעקומען מיט עטלעכע קוילן אין פוס. אַזוי האָבן מיר באַצאָלט פאַרן שטיקל ערד, פאַרן רעכט צו האָבן אַ שטיקל אָרט אונטער דער זון, און ווער ווייסט וויפל מ'וועט נאָך דאַרפן...

זי האָט ווידער אָפּגעהאַקט, געכאַפּט זיך אַז די רייד פּאַסן זיך נישט צו דער אויפנאַמע פאַרן גאַסט. זי האָט אָנגענומען די

שווייגנדיקע שוועסטער פאַר דער האַנט, מיט מאַמעשן אומעטיקן שמייכל אַנגעהויבן זיך פאַרענטפערן:

— אַ נאַרישע פּלאַפּלערין געוואָרן, אַנשטאָט דיר... קום בעסער זען די פּאַנאָראַמע. קוק — האָט זי פּלוצלונג אויסגעשטרעקט די האַנט און געוויזן דורך דער אָפענער טיר פון באַלקאָן: — האָסט שוין געזען אַזאַ פּראַכט? און דאָס איז אונדזערס. עס לאָקערן נאָך געפאַרן, ס'פעלן אויך נישט קיין אייגענע אויסקרומעניש, נאָר דאָס שטיקל ערד וואָלט איך נישט אויסגעביטן אויף קיין שום גוט אייגנגעפונדעוועט לאַנד. ס'איז מיין היים. כ'בין דאָ ביי זיך.

זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. מרים האָט אָנגעגאָסן קאַווע און נינע האָט ערשט איצט דערזען אויף איר אָרעם דעם אויסגעקריצטן צייכן, אָנגעהאַנגען די אויגן אויף אים, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסלייענען פון אים דאָס, וואָס די שוועסטער האָט איר נאָך נישט דערציילט. מרים האָט אויפגעכאַפּט אירע דיסקרעטע בליקן:

— מענטשן מיט אַזעלכע צייכנס אויפן אָרעם וועסטו דאָ טרעפן נישט וויניק. אויך די אָן צייכנס זענען נישט וויניק אויסגעשטאַנען, זיי זענען אַנטלאָפן ווי יתומים פון אַ שלעכטער שטיפמאַמע, כאָטש זייערע אור־אור־עלטערן האָבן דאָרט געלעבט. וועסט זיך דאָ אָנטרעפן אויף מענטשן פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, אויף פאַרשיידענע מנהגים, זיטן, נישט אַזוי פשוט מיט דעם אַלעמען; לייכטער צו ענדערן די ווילדע נאַטור, ווי די נאַטור, די געוווינהייטן פון אַ מענטש. נאָר שרעק זיך נישט, אַ מענטש קאָן מען פאַרט לייכטער איבערפלאַנצן ווי אַ געוויקס. יעדערער פלאַנצט זיך אריין אין היגן באָדן אויף זיין אייגענעם אויפן. דו וועסט אויך. אומזיסט דיין שרעק. דיין אָרט איז דאָ. וועסט טאָן ווי דו פאַרשטייסט. איך זאָג בלויז וואָס איך טראַכט. נאָך דעם וואָס ס'איז דאָרט ווידער געשען, האָסט דאָרט אָפּגעגעבן אַלע כוחות. גענוג זיך צו וואַלגערן איבער דער וועלט, אומעטום צו זיין אַ פרעמדע, אין בעסטן פאַל זיין טאָלערירט.

נינע איז געזעסן אַ שווייגנדיקע, אַ גע־פּלעפטע: דאָס איז זי, איר שוועסטער מרים? זי האָט געזוכט אויף איר, פּונקט ווי זי זוכט אין זיך גופא, עפּעס פון אַמאָל. זייערע ביידנס וועלטן זענען אונטערגעגאַנגען, ביי יעדערער פון זיי אַנדערש. מרים האָט פאַרט געפונען אַן אָנהאַלט; זי, נינע, הענגט אין דער לופטן. אַמאָל האָט זי מרימען פאַרשאַטן מיט רייד. איצט גייען קיין ווערטער דורכן האַלדז נישט דורך. וואָס זאָל זי איר זאָגן? וואָס דערציילן? זי האָט זיך אָנגענומען מיט כוח:

— לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן מיר. כ'וויל קודם וויסן וואָס ביי דיר. האָסט אַזוי וויניק געשריבן וועגן זיך, וועגן דיין אַרבעט...

— וועגן מיין אַרבעט?

מרים האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנטזייגערל מיט איין שלונג פאַרענדיקט טרינקען די קאַווע.

— האָסט מיר דערמאַנט, כ'האָב צוגעזאָגט צו קומען צו דער אַרבעט כאָטש אויף עטלעכע שעה; ס'איז אין עזרה. יונגע מיטאַרבעטער, עטלעכע נייע עולים אויך; מ'דאַרף זיין לעבן זיי, צוויזן, צוגעוווינען, אויפקלערן, כאָטש זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ שולע. דו ווייסט מסתמא וואָס דאָס איז אַ מענטשלעכע באַציונג צו אַ נויטבאַדערפטיקן מענטש? מ'דאַרף קאָנען אויסהערן, האָבן אַ גוט וואָרט פאַר אים, די שטיצע איז נישט אַלץ. איך זע מיר גענוג אָן. איך זע מסתמא נישט אַלץ. ס'פעלן נישט קיין נויטבאַרעכטיקע. כ'בין צופרידן וואָס כ'האָב אַזאַ באַשעפטיקונג. די אַרבעט דאַרף מיך, איך דאַרף אָבער אויך די אַרבעט. ווען די ערד האָט זיך ווידער אַ טרייסל געטאָן אונטער די פיס, בין איך ווידער געוואָרן אויסגעהוילן. מיט וואָס וואָלט איך פאַריאָגט די וויסטעניש אין זיך? אַז אַ מענטש ווייסט ער איז עמעצן נייטיק, איז לייכטער איבערצוטראָגן דאָס גרעסטע אומגליק. יאָ, יאָ, אַ מענטש קאָן אַלץ איבערטראָגן, ער קאָן זיך אפילו איבערשטייגן. כ'האָב דאָס געזען אין אוישוויץ, ער קאָן זיך איבערשטייגן אין אויסדויער, אין גרויסמוט, און אויך אין געפאַלנקייט.

זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל, אויפגעריסן זיך און פאַר־

זיכערט נינען, אַז פּנינה דאַרף אָט באַלד אָנקומען, אַ שול־קאָנפערענץ האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אירע רייד:

— האָסט אַזוי פיל מאָל אויסגעפרעגט אין דיינע בריוו, געוואָלט זיך צווינגען צו שרייבן און נישט געקאָנט. איצט דיר אַלץ אַרויסגעלייגט מיט אַמאָל. מ'וועט זיך מער דערצו נישט אומקערן.

* * * * *

דריי חדשים זענען דורך זינט יענער ערשטער באַגעגעניש. נינע איז געקומען ווי אַ טוריסטין. אין דער אמתן האָבן די שוועסטער געהאַט אַן אַנדער מיין. אויך זי, נינע, האָט געטראַכט זיך אַרומצוזען, זי האָט צומאָל מיטגענומען דעם קאַרגן באַגאַזש, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון קראָקע קיין פאַריז אין 1969. זי האָט דאָס געהאַלטן בסוד, געשלאָגן זיך נאָך מיט דער דעה. דערווייל איז זי אַ טוריסטין. ווי גוט איז צו זיין אַ טוריסטין! אומעטום. מ'האָט זיך געצאַצקעט מיט איר. יעדערער פון די שוועסטערס באַקאַנטשאַפטן האָבן איר געוואָלט עפּעס ווייזן. זי האָט אין דריי חדשים אויסגעמאָסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט.

— מ'האָט עס פריער געקאָנט אויסמעסטן אין צוויי־דריי טעג — האָט זיך חנא געוויצלט. אַ לאָקש. מ'פלעגט זאָגן, אַז ווען מען גיט אַ נאָס ביי דער מזרחדיקער גרענעץ, דערהערט מען ביי דער מערבדיקער. האָסט שוין געהערט פאַרוואָס אַ מיידעלע האָט זיך געהאַט פונאַנדערגעוויינט אין דער שולע? דער לערער האָט די קינדער צום ערשטן מאָל געוויזן ישראל אויף דער וועלט־מאַפּע. „פאַרוואָס זענען מיר אַזוי קליינטשיק?" האָט זי מיט טרערן געפרעגט. גיי גיב צו פאַרשטיין, אַז דאָס קליינטשיק פּיצל ערד פאַרגינט מען אונדז אויך נישט. פונקט ווי מיר זענען אומעטום גרויס אין די אויגן, אַזוי אויך אונדזער לאַנד.

נינע האָט אַלץ באַוווּנדערט און געוווּנדערט זיך: פאַרוואָס פילט זי נישט אַז דאָס לאַנד איז קליין? זי האָט אומעטום דאָס געפיל פון אומענדלעכער רחבותדיקייט. אין נגב, ביים ים המלח האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי וואַנדערט אין דער אומענדלעכקייט. זאָל דאָס זיין צוליבן געהיימניספולן, דורכזיכטיקן נעפל? צוליב דעם מיסטעריעזן וויברירן פון די זאַמדיקע שטחים און זעברירטע בערגלעך? קוקנדיק אַרום זיך האָט זיך איר געדאַכט, אַז די גאָלד־געלע ערד פּולסירט ווי אין געבוירן־קאָנוווּלסיעס. דאָ איז וועלט־באַשאַפונג אין דער אומענדלעכקייט. ס'איז ברא אלהים. אפשר ערגעץ דאָ־אָ האָט קין אויפגעהויבן צום ערשטן מאָל די האַנט אויף זיין ברודער? אפשר אין דער אָט אומענדלעכקייט האָט קין געוואַנדערט מיטן צייכן אויפן שטערן? פון דאַנען איז דאָך אויך צו גאָט אויפגעגאַנגען דאָס געשריי פון דער רשעותדיקער שטאָט. אָט איז זי די סימבאָל־שטאָט. נישט ווייט פון איר שטייט נאָך אַלץ פאַרגליווערט אין זאַלץ לוטס אומפאַרזיכטיק ווייב.

אין דער אומענדלעכקייט פון שטח איז פאַרלוירן געגאַנגען דער באַגריף פון צייט. באַקאַנטע געשטאַלטן האָבן געשוועבט פאַר נינעס אויגן. זי זעט זיי אומעטום. אין באר שבע האָט זי ביים אוראַלטן ברונען מיט די אויגן פון דמיון געזען זיך אַרומפאָרן אברהם אָבינו; אין צפת האָט זיך דורכן זילבערדיקן נעפל פון די בערג נאָכגעפאָלגט מיט די בליקן די לעצטע מקובלים; אין די שמאָלע אַלטע געסלעך פון נצרת האָט זי געפילט ווי עס שפּאַנט לאַנגזאַם און מיושבדיק דעם סטאָליאַרס זון ישו; אינעם קליינעם דאָרף יבנה איז צו אירע אויערן דערגאַנגען דאָס קול פון רבן יוחנן בן זכאי ביים לערנען מיט זיינע תלמידים; אויף די קברות החשמונאים איז פון די באַרגיקע כוואַליעס אַרויסגעשווומען דאָס שטעטל מודיעין; אין אירע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דער רוף פון אַלטן מתתיהו זיך קעגנצושטעלן די פרעמדע באַדריקער. זי האָט באַגערט איר שפּאַנען אין דער אומענדלעכקייט זאָל דויערן אומענדלעך; ס'איז איר לייכט געווען אַזוי צו שוועבן, ווי זי וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך הונדערטער שווערע לאַסטן...

* * * * *

ביי נינען האָט זיך אויפגעוועקט דער אַמאָליקער ענטוזיאַזם, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעלאָשן. איין קלייניקייט! 700 מענטשן אין אַ קיבוץ, אין איין משפּחה, און ס'קלאַפּט! קיינער רייסט נישט איין צו האָבן אַ גרעסערן חלק. פון אָנהייב האָט זי געשטעלט פראַגן, זי האָט זיך דאָך שוין אַזוי פיל מאָל אָפּגעבריט. ווען זי האָט געזען אַלע טירן פון ווינונגען שטייען אָפן, האָט זי געפרעגט:

— מען גנבעט באמת נישט?

פנינה האָט צוריקגעפרעגט:

— ווער ווילסטו זאָל גנבענען?

— און קאָנפליקטן?

— וואָסערע קאָנפליקטן? — האָט פנינה ווידער צוריקגעפרעגט.

— נו, צווישן די קיבוצניקעס?

— צוואָס טויגן דיר די קאָנפליקטן?

— האָט די שוועסטער גוטמוטיק אָפּגעפּטרט.

— און צווישן דעם יונגוואַרג און דעם עלטערן דור?

פנינה האָט געקוקט אויף דער שוועסטער מיט אַ שמייכל. חנא האָט הילכיק געלאַכט.

— וועסט פנינהען באַרעדעוודיק נישט מאַכן. מיר האָט זיך דאָס אויך נישט איינגעגעבן. דו ווילסט וועגן אַלץ מיט איין מאָל זיך דערוויסן! בעסער אַליין זיך צוקוקן.

זי האָט זיך צוגעקוקט, בישט אַלץ געקאָנט איינבייסן, מיטן יונגוואַרג נישט געקאָנט אָנבינדן קיין קאָנטאַקט. צי נאָר צוליב דער שפּראַך?

שפּאַצירנדיק אַליין האָט זי דערזען אַ צעוואַקסענעם קאַקטוס־קוסט. די בונט־רויטע בלומען האָבן צוגעצויגן דאָס אויג. וואָס פאַר אַ שיינע בלום די האַנט האָט זיך אַליין אויסגעצויגן, אָפּגעריסן אַ גליִיקן קנאָספּ. אָן אַ שיער קליינטשיקע נעדעלעך האָבן זיך איינגעביסן אין דער הויט. אַלע האָבן געלאַכט פון איר: צו אַ סאַברע־בלום רירט מען זיך צו מיט די הוילע הענט?

די סאַברע־בלום איז רייצנד שיין, איר אינעווייניקסטע פרוכט איז זיס, אָבער זי האַלט דיך אויף אַ דיסטאַנץ, פון דער נאָענט שטעכט זי אומרחמנותדיק. פאַרוואָסזשע רופט מען די הי־געבוירענע מיט איר נאָמען?

* * * * *

נינע האָט מיטן גאַנצן האַרצן ליב באַקומען דעם קיבוץ. צי וואָלט זי געקאָנט דאָ לעבן? זי ווייסט: אויב בלייבן, וואָלט דאָס גלייכסטע געווען אין קיבוץ. דאָס לייכטסטע און דאָס שווערסטע. זי האָט איינגעטענהט מיט זיך, דאָ זיך אויסגעמוסרט, דאָ ווידער זיך געמאַכט באַוואָרענישן. איין נינע האָט איר געעצהט: וואַרף אַוועק דיינע אינטעלעגענטישע שטיק! רייסן אַפּעלסינען, פאָרען זיך אין קיך, איז נישט ווייניקער חשוב ווי לערנען מיט קינדער געשיכטע לויט אַ צוגעשניטענעם מאָדעל; דעם צוגעשטעלטן, פאַרטיקן מאָדעל האָט מען דיר לסוף אויך נישט אָנגעטרויעט. פאַרקאַטשע בעסער די אַרבל, ווי פנינה האָט אַמאָל געטאָן, אי געזונטער פאַר דיר, אי נוצלעכער פאַר די דייניקע, דער גלייכגעוויכט וועט צוריק קומען. די צווייטע נינע האָט געוואָרנט: פאָרזיכטיק! וויפל מאָל איז דער שיער אָנצוהייבן פון אָנהייב ווי פנינה! וויפל איז זי דעמאָלט אַלט געווען? ס'איז געווען מיט אַן ערך פערציק יאָר צוריק. גענוג געווען אַ ראָמאַנטיקער, צוגעטשעפּעט זיך פליגלען, געפלויגן הויך ווי איקאַר, און אַראָפּגעפאַלן. צייט צו זיין אַ רעאַליסט! ווי אַזוי זיין אַ רעאַליסט? דאָס צו זיין וואָלט זי אָבער געדאַרפט פאַרבלייבן מיט מיכאלן, מיט זינקען. רעאַליסט! זי האָט נישט ליב דאָס דאָזיקע וואָרט און עס טרעט זי נישט אָפּ, שפּרינגט איר פאַר די אויגן.

זי שעמט זיך מיט אירע טראַכטענישן, נאָך מער דעמאָלט, ווען דער שוואָגער פירט זי אַרום איבערן קיבוץ. חנא שלעפּט אונטער דעם פוס. דערפאַר האָט ער אַ לייכטערע אַרבעט און מער פרייע צייט. איצט גיט ער אָפּ די פרייע צייט נינען. מען דאַרף אַלץ ווייזן, דערציילן פון וואַנען דאָס אַלץ נעמט זיך. מען האָט דאָך זיי דאָרט אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, דער שוואַרצער יאָר ווייסט זיי וואָס זיי האָבן דאָרט אַלץ אויסגעטראַכט.

חנא פירט נינען אונטערן אָרעם, מעשה דזשענטלמאַן. אין דער אמתן איז אים אַזוי לייכטער אַרומצושפּאַנען איבערן רחבותדיקן קיבוץ. זיינע קלוגע אויגן פינקלען; זיין שטענדיקער שמייכל ווערט בעתן דערציילן דאָ מילד פּאַרוואָלקנט; דאָ ווידער העל זוניק; דער טאָן דאָ איראָניש; דאָ ווידער דורכגעוועבט מיט שטאָלץ; ווערטער גיסן זיך איבער אין אימאַזשן.

— זעסט, אָט־דאָ אַרום זענען געווען זומפּן, ווען איך בין אַהער געקומען. אַלץ הייסט זומפּן, ס׳האָט געראָיעט מיט מוקן; דאָס פּאַסקודסטווע האָט נישט געלאָזט לעבן, אויסגעזויגן פון אונדז דאָס בלוט. געזונטע יונגע חברה זענען קראַנק געוואָרן. מ׳זאָגט, אַז קדחת איז נישט קיין קרענק, וואָלט געזען ווי די מאַלאַריע־קרענק האָט אויסגעטרייסלט פון זיי די כוחות. ווער פון זיי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אויף די־אָ זומפּן וועלן זיין אַזעלכע בלומען־בייטן, אַזעלכע שוץ־ביימער? וואָס פאַר אַ מין ביימער? אויקאַליפּטוסן. שיינע, האַ? מיינסט זיי זענען דאָ פון זיך אַליין אויסגעוואַקסן? מיר האָבן זיי געפּלאַנצט מיט אונדזערע הענט, אויסצוטריקענען די זומפּן. אַ מלחמה האָבן מיר געפירט מיט די זומפּן און די מיקן.

איצט קום דאָרט, וועסטו זען אַ טשיקאַווע זאַך. קוק נאָר אָן די אַלטע געמויערטע געביידע. אָט דאָ אויפן בוידעם האָבן מיר אַ סך יאָרן געוווינט. די ערשטע געביידע אין דער גאַנצער געגנט. ווען כ׳בין מיט 48 יאָר צוריק געקומען אַהער, האָבן מיר געקוקט אויף איר ווי אויף אַ פּאַלאַץ אויף אַ וויסטעניש. כ׳בין דעמאָלט געווען אַ גרינער צוציק, אַ 16־יעריקער שנעק. פאַר מיר האָבן שוין חלוצים געהאָט אַריינגעלייגט כוחות אין דעם שטיקל ערד. איך בין שוין אויך געקומען אַ ביסל „צום גרייטן“, פריער געווען אַ וויסטעניש, זאַמדן און זומפּן. מ׳האָט אויפגעבויט דעם־אָ „פּאַלאַץ“, אונטן פאַר די בהמות, אויבן פאַר אונדז. אַן אידיליע געווען, האַ? אוי, האָבן מיר געטאַפּט אַ וואַנט אין דער אידיליע!

דו אַנטציקסט זיך מיט די מאַראַנצן, אונדז האָבן זיי דעמאָלט אויסגעדרייט די קישקעס. מיינסט די מאַראַנצן זענען שולדיק געווען? ניין, נישט געווען וואָס עפּעס אַנדערש אין מויל צו לייגן, האָבן מיר געריבן מאַראַנצן. ווי האָט מיין מאַמע געזאָגט? מאַרצעפּאַנעס עסן זיך אויך צו. קוק אָן מיינע הענט! ווייסט פון וואַנען די האַרטע מאָזאָלן? פון די שטיינער. אַ גערעטעניש געווען פון שטיינער. מיט די הוילע הענט האָבן זיי אַרויסגעריסן. אָפּגערייניקט אַ שטיקל ערד און פאַרזייט, פאַרפּלאַנצט עטלעכע ביימלעך. הייַנט זענען פאַראַן מאַשינען, מ׳פאַרשט וואָס און ווו מ׳דאַרף עפּעס פאַרזעצן, דעמאָלט ווי אַזוי און ווו ס׳האָט זיך געלאָזט, אַלץ מיטן אייגענעם שווייס.

פנינה האָט דיר דערציילט ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַקענט? ניין? זי האָט נישט ליב צו דערציילן, זינט דעם אומגליק מיט אונדזער אורילען, געוואָרן נאָך אַ גרעסערע שווייגערקע. ביסט געפאָרן מיטן וועג פון תל־אביב קיין חיפה, אַ גוטער וועג, האַ? דאָרט געטראָפן דיין שוועסטער, מ׳האָט געבויט דעם וועג. דיין שוועסטערל האָט נאָך אין אַנדערע ערטער אַרויסגעריסן שטיינער, געבויט כבישים, קוים געפועלט ביי איר זי זאָל קומען אין מיין קיבוץ. די שטיינער האָבן אומעטום געוואַרט אויף אירע הענט. הייַנט דאַרף מען נישט פנינהס הענט דערצו. האָסט געזען ווי אַזוי מען בויט הייזער אויף די רוקנס פון כרמל? און די צענדליקער טויזנטער פאַרפּלאַנצטע ביימער? אויך געזען. נו, ווער האָט געשאַפן דאָס לאַנד? מ׳קלאַפּט מענטשן אַריין אין די קעפּ, אַז מיר האָבן פאַרכאַפּט אַ פרעמד לאַנד. מיר... מיר דאָ גאָר נישט, זייערס, גיב זיי דאָס אָפּ, וועלן זיי זיך פּאַסמאַקעווען מיט אונדזער...

חנא האָט איבערגעריסן, זיך אַרומגעזען, אַז ער הייבט זיך אָן צו היצן, ס׳ליגט נישט אין זיין טבע, אָפּגעקילט זיך און געלאַסן פאַרגעזעצט:

— די פיש־באַסיינען געזען? דעם נייעם אויך? נו, ווער וואָלט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט אַזאַ גערעטעניש אויף קאַרפּן? מ׳האָט דיר שוין דערציילט? איז גייען מיר צום קולטור־הויז. בסך הכל עטלעכע יאָר אַלט. וועסט זען אַן אויסשטעלונג פון קונסט־בילדער. ווייסט וועמענס? דעם

„אַרויסגעטראָגענעמס". כ'האָב דיר באַקענט מיטן בחור, וואָס מ'האָט פון וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעטראָגן אין אַ זעקל, האַרט פאַרן אויפשטאַנד. זיין טאַטע איז געווען אַ „פלאַצוווקאַזש", איינגעשלעפערט דאָס ייִנגל מיט אַ פּיל און אַרויסגעטראָגן אין אַ זעקל שמאַטעס. נו, ווערסטו באַלד זען וואָס אַזאַ אַרויסגעטראָגענער קען.

* * * * *

אין דמיון שפּרינגען בילדער. אין די אויערן קליגען ווי אַ שטילער געזאַנג חנאס רייד. זיי זענען ווי באַלזאַם צום אומרואיקן, געריסן האַרץ. זי פּילט פליסן אַ וואַרעם, אַפּפרישנדיק שטראָמל. ווי גיך זי הייבט אָן טראַכטן וועגן די איריקע, רייסט זיך דאָס שטראָמל איבער. ס'ווערט טרוקן אין האַלדז. זי האָט זיך צוריקגעקערט צו דער ליג־שטול, לייכטער זיך צו באַטראַכטן, וואָס זאָל זי טאָן? מ'דאַרף דאָך זיין אַהער אָדער אַהין. זיי דאַרפן באַלד אָנקומען. אוי, דער קאָפּ, ווען ס'וואָלט עמעצער פאַר איר אָפּגעפּסקנט. אַזוי צי אַזוי, אבי זי זאָל נישט דאַרפן אַליין. אַליין גייט זי שטענדיק ווי אַ בלינדער פערד אין אַ גרוב. אַזוי פיל נאַרישקייטן געמאַכט אין לעבן! אַזוי פיל אומגעלומפּערטקייטן! שטענדיק אַ געפיל פון שולדיקייט. שולדיק קעגן מיכאלן. ווי גיך די טירן האָבן זיך געעפנט, געגומען זינקען און אַנטלאָפן, נישט געוואַרט ער זאָל זיך באַזינען. שולדיק קעגן זיך אַליין. שולדיק קעגן זינקען. אָפּגעריסן די טאָכטער פון פאָטער. קוים געפועלט ביי איר, איינגערעדט איר מיט טרערן: „קאָנסט שוין ווידער נישט איינזיצן, ווילסט מיך ווידער שלעפּן ווי אַ קאַץ איר ניי־געבוירן קעצל? ווייסט, אַז די מאַמע־קאַץ ווערט אומרואיק נעמט זי מיט די ציין דאָס קעצל פאַרן פעלכל אויפן קאַרק און טראָגט עס איבער ערגעץ אַנדערש. מיט כעמיע פאַרזיכערסטו וועט דאָרט פאַר מיר זיין בעסער. פאַר דיר, פאַרן טאַטן וועט אויך בעסער זיין? אויב יאָ, וועל איך זיך ווידער אונטערגעבן." אַזוי האָט צום סוף געענטפערט זינקע. ווי אַזוי וועט זי דאָ אַראַיינוואַקסן? ווי אַזוי...? וועט דאָס נישט זיין אַ לעצטער ריס מיט מיכאלן? אפשר... אפשר גאָר פאַרקערט? ער האָט דאָך...

— נינע, וואָס איז מיט דיר?! ליגסט מיט אָפענע אויגן און הערסט נישט און זעסט נישט וואָס ס'טוט זיך אַרום דיר.

נינע האָט נישט געהערט וויביידע שוועסטערס זיינען אַריין אין שטוב. מרים איז צופעליק צוגעגאַנגען צום באַלקאָן. אויף איר אויסגעשריי איז אונטערגעקומען פנינה. זיי האָבן ביידע דורך דער בלויער אָווּנטיקער פינצטערקייט געקוקט מיט אומרו אויף דער צעטראָגענער שוועסטער און געשוויגן. נינע האָט זיך פויל, פאַמעלעך אונטערגעהויבן, אויפגעשטעלט זיך, אויפגעמאַכט דאָס מויל זיך צו פאַרענטפערן און די ליפּן האָבן זיך צוריקגעשלאָסן. באַלד דערנאָך האָט זיך דאָס מויל צוריק געעפנט און פון ערגעץ טיף־טיף האָבן זיך אַרויסעקייקלט ווערטער:

— כ'בלייב. ס'וועט... ס'וועט אפשר אָנרעגן זינקען וואָס גיכער אַהער צו קומען.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayowrth Ave. Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"